**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 19/01/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז מזרח הארלעם איז דער $10 מיליאן ניו יארק סיטי ראיאן געווינער פון דער זעקסטער-רונדע דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו**

***דאונטאון אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע;***
***עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקסונג סטראטעגיע***

***סטעיט צו ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק באאמטע צו ווידער אויפלעבן מזרח הארלעם***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז מזרח הארלעם וועט באקומען $10 מיליאן אין פינאנצירונג אלץ דער ניו יארק סיטי ראיאן געווינער פון דער זעקסטע-רונדע פון דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו. יעדע פון דער סטעיטס 10 עקענאמישע אנטוויקלונג ראיאנען ווערן צוגעטיילט ווערן $10 מיליאן אין דער זעקסטע-רונדע, וואס וועט זיין סך הכל $100 מיליאן סטעיט אונטערנעמונג צו העלפן אונטערהייבן זייערע עקאנאמיעס דורך טראנספארמירן דאונטאונס צו דינאמישע געגנטער.

"די רייכע קולטור און היסטאריע פון מזרח הארלעם איז זייער א וויכטיגער טייל פון ניו יארק סיטיס געשיכטע, "**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די $10 מיליאן אינוועסטירונג, קענען מיר העלפן די קאמיוניטי אויפהיטן איר קולטור און אונטערשפארן עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועייניג די געגנט פאר די קומענדיגע דורות. איך ערווארט צו זען ווי מזרח הארלעם שרייבט דעם נעקסטן קאפיטאל אין איר אויפגעלעבטע דערציילונג."

דער DRI דינט אלץ א חלק פון דער סטעיטס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורך טראנספארמירן דאונטאון געגנטער צו דינאמישע צענטערס פון אקטיוויקייט וואס טוט אנבאטן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציעט צו ביזנעסעס, פאסטנס און עקאנאמישע און וואוינונג פארשידנקייט. אזוי ווי די פארגאנגענע DRI רונדן, יעדע אויסגעקליבענע קאמיוניטי וועט אנטוויקלען א סטרעטעגישן פלאן, פון אונטן-ארויף, קאמיוניטי-באזירטע פלאנירונג פראצעס וואס זאגט ארויס קלאר א וויזיע פארן אויפפרישן פון דער דאונטאון און אידנטיפיצירן א ליסטע פון כאראקטעריסטישע פראיעקטן וואס האבן טראנספארמיטיווע פאטענציאל און אויסנוצן ווייטערדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט דעמאלט צוטיילן פאר DRI פינאנצירונג צו אויסגעקליבענע פראיעקטן וואס האבן די גרעסטע פאטענציאל אויפצולעבן די אויפפרישונג און צו שטאנד ברענגען די קאמיוניטיס וויזיע.

__מזרח הארלעם__

מזרח הארלעם, אויך באוואוסט אלץ ספאניש הארלעם, איז די וועלטס גרעסטע פארטא-ריקאנער געגנט נאך סאן וואן, פארטא ריקא. די געגנט איז באוואוסט אלץ זייער אקטיווע גאסן און לאקאלע ביזנעסעס,

אויפגעלעבטע קונסט און וואנט מאלעריי, פארזיכטיגע אפגעגעבענע קאמיוניטי גארטנס און א קאמיוניטי איבערגעגעבן צו שטיצן און באשיצן זייערע הייזער. די קאמיוניטי איז איבערגעגעבן אויפצוהאלטן אירע רייכע קולטורע ירושה, בשעת זיי בלייבן אמת צו זייער טראדיציע פון סאציאלע יוסטיץ אקטיוויזם.

דער וויזיע פאר מזרח הארלעם איז כולל צו טראנספארמירן די געגנט צו א פארבינדפונקט און צוטריט צו על באריא וואס בויעט אויף עקסעסטירנדיגע עקאנאמישע אקטיוויטאט און טרייבט צוקונפדיגע עקאנאמישע און באשעפטיגונג געוואוקס אין דער קאמיוניטי. מיט דער צווייטע עוועניו סובוועי און פארק עוועניו וויאדוקט פארבייט פראיעקטן וואס גייען ווייטער אן, זוכט מזרח הארלעם צו אינקארפערירן זיכערע גאסן, גרין און פונקציענעלע פובליק ערטער, עטליכע סארטן טראנספארטאציע פארבינדונגען, און לאקאלע געשעפטן. די אינוועסטירונגען וועלן זיין גלייכצייטיג מיט פראיעקטן וואס שטיצן קאמיוניטי געזונט, ריינע לופט, און טרעטוארן, און קולטורע אפהיטונג און געפונען דעם וועג צו פארזיכערן אז די היסטאריע און צוקונפט פון על באריא איז פארגליווערט אין מיטן ווען דער געגנט טוישט זיך.

די ניו יארק סיטי ראיאנעל עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסעל האט אנגעפירט א גרונטיגע און פארמעסטערישע איבערקוק פראצעס פון פארשלאגן איינגעגעבן פון קאמיוניטיס פונעם גאנצן ראיאן און אדורגעטראכט די קריטעריע אונטן איידער זיי האבן רעקאמענדירט מזרח הארלעם אלץ דעם נאמינירטן:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרענעצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריעריגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג, אדער לעבן אזא דאונטאון וואס קען צו ציען ארבעטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן געוואוקס אויסהאלטעוודיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן כאפט זיך שוין ארום, אדער האט די מעגליכקייט צו באשאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערט וואוינעוודיגקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט אנגעפירט אן אפענע און קרעפטיגע קאמיוניטי ארויסקומענדיג מיט א וויזיע פאר א דאונטאון אויפלעבונג מיט א פאראויסדיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציעטיוון;
- די מוניציפאליטעט האט דעם לאקאלע מעגליכקייט צו פירן דעם DRI פראצעס; און
- די מוניציפאליטעט האט אידענטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן זיין גרייט פאר קורץ-טערמיניקע דורכפיר מיט אן אינפוזיע פון DRI פינאנצירונג.

מזרח הארלעם איז געווארן צוגעטיילט מיט 10$ מיליאן אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן די דאונטאון געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע געוואוקס נאכן לאקאלע פלאן פראצעס. מזרח הארלעם איז זיך משתתף מיט די קאמיוניטיס פון דזשאמעיקא, די בראנקס, דאונטאון ברוקלין, סטעטן איילענד און טשיינעטאון, וועלכע זענען געווען ניו יארק סיטי ראיאנס געווינערס אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

מזרח הארלעם וועט אנהייבן דעם פראצעס פון אנטוויקלען א סטרטעטעגישע אינוועסטירונג פלאן אויפצולעבן איר דאונטאון מיט ביז 300,000$ אין פלאנירונג געלט פון די 10$ מיליאן DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט

פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר דער DRI's זעקסטע רונדע וועט פארטיג זיין אין 2023.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "מזרח הארלעם מי קערודא על באריא, איז איינע פון ניו יארק סיטיס לעבעדיגסטע געגנטער אנגעפילט מיט א רייכע היסטאריע, קולטור, און א שטארקע לאטיינער און אפריקאן-אמעריקאנער אידנטיטעט. פון דעם געבורטספלאץ פון טיטו פאענטע און לאנגסטאן יוס אדער מייאר לאגווארדיע, די אקטיוויזם פון די יונגע לארדן, צו די מוזייען אויפן שפיץ פון מוזיי מייל, טוט מזרח הארלעם ווייטער צושטייער געבן צו דער לעבעדיגקייט און פארשידן-מיניגקייט פון ניו יארק סיטי. פינאנצירונג דורך די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו וועט העלפן די איקאנישע געגענט ווייטער זיין דעם אויסשטעל-פענצטער פאר אלעס וואס זי האט אנצובאטן, צו ציען באזוכער פון איבער דער גאנצער שטאט זאלן שפירן דאס לעבן אין על באריא, אין דער זעלבער צייט פרעזערווירן איר היסטארישע ירושה און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר עקסיסטירנדיגע איינוואוינער דורך טראנספארמירן די וויכטיגע קארידאר."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "די אינוועסטירונגען געמאכט געווארן דורך די דאונטאון אויפגעלעבטע איניציאטיוו בלאזן אריין פרישע לעבן אין געגנטער איבער ניו יארק סטעיט, מיטהעלפנדיג אונדזער עקאנאמישע אנטוויקלונג צילן. אלץ א מזרח הארלעם געבוירענער, ווייס איך וואס פארא אימפאקט די פינאנצירונג וועט האבן צו פארבעסערן דאס הארץ און נשמה פון דער דינאמישע קאמיוניטי. דורך אויפלעבן מזרח הארלעם, באשאפן מיר א דינאמישע מיטלפונקט פון עקאנאמישע אקטיוויטאטן וואס וועט נישט נאר טרייבן געוואוקס נאר אויך ברענגען נייע געלעגנהייטן פארביידע, איינוואוינער און ביזנעסעס גלייך."

**ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנערין רותאן וויסנאסקוס האט געזאגט,** "מזרח הארלעם איז איינע פון די דינאמישסטע און קולטוריש רייכע קאמיוניטיס און אונדזער סטעיט, און די ווייטערדיגע אינוועסטירונג דורך די דאונטאון אויפלעבערס איניציאטיוו שטעלן צו מאמענטום צו די אנגייענדיגע טראנספארמאציע פון דער געגנט. די לעצטע $10 מיליאן צוטיילונג איז א חלק פון א האליסטישע סטראטעגיע וואס פארשענערט לאקאלע פארמעגנס זיך צו באגעגענען מיט די כאראקטאריסטישע באדארפענישן פון מזרח הארלעם און, וויכטיג, קאמפלימענטירן גאווערנער האקולס נייע הייזער קאמפאקט פארשלאג וואס וועט פארברייטערן די סופליי פון צוטריטלעכע דירות און באשאפן מער פארזיכערטע, מער סטאבילע, דינאמישע קאמיוניטיס."

**רעפרעזעטעטיוו אדריאנאו עספעיאט האט געזאגט,** "איך לויב גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדיגע איבערגעגעבנקייט צו אויפלעבן טייל פון ניו יארקס מערסטנס באאיינפלוסטע געגנטער און קאמיוניטיס. על באריא האט געשפילט א גרויסע ראלע אין ניו יארקס קולטורע אידנטיטעט און בלי ספק האט א ספעציעלע פלאץ אין די הערצער פון אסאך וואס רופן אן די געגנט זייער היים. איך בין דאנקבאר אז מזרח הארלעם איז געווארן אויסגעקליבן צו באקומען $10 מיליאן פון דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו און קוק זיך אויס צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי אזוי די פינאנצירונג וועט אויסגעניצט ווערן צו שטופן קאמיוניטי און עקאנאמישע אנטוויקלונג, טרייבן באשעפטיגונג געוואוקס אין דער געגנט, באשאפן גרינע און פובליק שטחים, און שטיצן קלארע לופט און קאמיוניטי געזונט אין דער גאנצער געגנט."

**אסעמבלימאן עדי גיבס האט געזאגט,** "איך טו אפלאדירן גאווערנער האקול און די ניו יארק סיטי ראיאנאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאנסול פאר אויסקלייבן מזרח הארלעם צו באקומען די DRI פינאנצירונג. מיט די ריזיקע פראיעקטן אזוי ווי סעקאנד עוועניו סובוועי וואס איז פלאנירט זיך צו

פארשפרייטן ביז 125 גאס, וועט די פאנאצירונג העלפן אויפהיטן אונדזער קולטור און פארשענערן אונדזער קאמיוניטי."

**מאנהעטן בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו פינאנצירונג איז פאנטאסטישע נייעס פאר מזרח הארלעם, און אן אפשפיגלונג ווי וויכטיג די געגנט איז פאר דער עקאנאמישע כוח פון דער גאנצער געגנט. מיר האבן איינגעגעבן פאר דער פינאנאצירונג ווייל מיר האבן געוואוסט אז די אינוועסטירונג וועט צושטעלן א טראנספארמאציאנאלע געלעגנהייט צו אינוועסטירן אין דער רייכן קולטור, סאציאלע און עקאנאמישע סטרוקטור וואס מאכט מזרח הארלעם א ספעציעלע און דינאמישע טייל פון אונדזער בארא. איך בין דאנקבאר פארן גאווערנער און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פאר זייער השתתפות, און קוק זיך אויס צו ארבעטן מיט לאקאלע פאראינטערעסירטע און שכנים אין די קומענדיגע וואכען און חודשים צו לייגן די דאלארן ווי עס וועט האבן דעם שטארקסטן אימפאקט."

**ראַט פארזיצערן פון אפטאון גרענד סענטרל דייען קאליער האט געזאגט,** "דאס איז אן אסקאר מאמענט פאר מזרח הארלעם. מיר זענען דאנקבאר צום גאווערנער פאר באשטימען $10 מיליאן צו אונדזער געגנט צו מאכן אן עקאנאמישן אנטוויקלונג זאל געשען און אונדזער קאמיוניטי זאל באמת בליען."

**ניו יארק סיטי ראיאנאל עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסול מיט-פארזיצערס ווינסטון פישער, שותף אין פישר ברידער, און פעליקס וו. מאטאס ראדריגעס, סיטי אוניווערסיטי פון ניו יארק קאנצלער, האבן געזאגט,** "די NYCREDC איז שטאלץ צו שטיצן די טראנספארמאציע פון מזרח הארלעם דורך דער זעקסטער רונדע פון דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו. א בליענדיגע דאונטאון איז נישט נאר דאס הארץ פון א געגנט, נאר עס דינט אויך אלץ דער צענטער פון מסחר, קולטור און קאמיוניטי. אינוועסטירן אין מזרח הארלעם'ס אויפלעבונג רעפרעזענטירט אן אינוועסטירונג אין דער קאמיוניטיס עקאנאמישע וואויז-זיין ווי אויך אלץ איר סאציאלע הצלחה."

<u>**וועגן דעם דאונטאון ווידער־אויפלעבונגס איניציאטיוו**</u>

דער דאונטאון אויפלעבונגס איניציאטיוו איז באשאפן געווארן אין 2016 צו פארגיכן און פארברייטערן דאס אויפלעבונג פון דאונטאונס פון געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון דער סטעיט צו דינען אלץ צענטערס פון אקטיוויטאטן און סטימולאציע פאר אינוועסטירונג. אנגעפירט ביי דער דעפארטמענט אוו סטעיט מיט די הילף פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, וואוינונגען און קאמיוניטי באנייאונג און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, די DRI רעפרעזענטירט א נאך נישט געהערט געווארן און א מחדש'דיגע "פלאניר דערנאך טו" סטראטעגיע וואס גייט צוזאמען מיט סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג און רעזולטירט אין קאמפאקט, שפאצירן דאונטאון וואס דאס איז א הויפט באשטיי-טייל צו העלפן ניו יארק סטעיט זיך צוריקבויען איר עקאנאמיע פון די עפעקטן פון קאוויד-19 פאנדעמיק, ווי אויך צו דערגרייכן די סטעיטס דרייסטישע קלימאט צילן דורך רעקלאמירן דעם באניץ פון פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן די אפהענגיגקייט פון פריוואטע אויטאס.

אין די ערשטע פינף יאר פון דער פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן $600 מיליאן צו אינוועסטירן אין 59 דאונטאונס וואס זענען מוכשר אויף ווידער־אויפבליאונג, און פארמאגן די פאטענציאל צו ווערן מאגנעטן צוציען ווידער־אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאבס, עקאנאמישע און וואוינונגס פארשידן־מיניגקייט, און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג

פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע איז צום באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418